STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02172

TSUM ONDENK FUN DI VILNER KORBONES OYFN SHEMBERG BES-OYLEM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום אנדענק

פון די

ווילנער קרבנות

אויפן
שעמבערג בית־עולם

(DAUTMERGEN)

איבערגעדרוקט פון נוסח ווילנע בולעטין נומער 8
ארויסגעגעבן פון פארבאנד פון ווילנער יידן
אין די פאראייניקטע שטאטן „נוסח ווילנע"

איגוד יוצאי וילנה והסביבה, לעזרה ולהצלה
תל-אביב, טל' 41829 • האחראי ח. קופילוביץ

נדפס בישראל • דפוס „אופק", תל-אביב
ספטמבר 1963 • כ"ג אלול תשכ"ג
Printed in Israel

בתיה פּופּקאָ

„דער לעצטער וועג״ פון עטלעכע הונדערט ווילנער יידן אין שעמבערג־לאגער

אין פארלויף פון אָט די קנאפּע צוויי צענדליק יאָר איז אנטשטאנען א ריזיקע ליטעראטור וועגן דער לעצטער יידישער קאטאסטראָפע; צווישן אנדערן, זיינען אין א היפשער צאָל אויך דערשינען ביכער וועגן אומקום פון ווילנע. ביי יעדן יזכור־אָוונט, וואָס די לעבן־געבליבענע ווילנער יידן אין פארשיידענע לענדער אויף דער וועלט ריכטן אָפּ צום יאָרצייט נאָך זייער פארשניטענער היימשטאָט, טרעטן אויף עדי ראיה פונעם חורבן, וועלכע טיילן זיך מיט זייערע פּיינלעכע דערינערונגען און גיבן איבער פרטים וועגן דער אויסראָטונג. און דאָך וויסן מיר נאָך אזוי ווייניק, ווי אזוי די קרבנות האָבן פארענדיקט זייערע לעבנס. מיר האָבן קיין אנונג נישט, וואו עס רוען די ביינער פון די פארפּייניקטע, אָדער דער אש פון די פארברענטע. דאָס אלץ איז פארהילט הינטער דער שטומען פאַרהאנג, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויף די יידן פאראורטיילטע צום אונטערגאנג, ווען די נאציס האָבן זיי פון די ליקווידירטע געטאָס אָנגעלאָדן אין פארזיגלטע טראנספּאָרטן און זיי אוועקגעפירט אין די פארניכטונגס־לאגערן. דאָ און דאָרט דערוויסן מיר זיך וועגן גורל פון יחידים, אָבער די ריזיקע מאסן גייען אריין אינעם טראגישן סך־הכל פון זעקס מיליאָן קדושים, א ציפער וואָס איז שוין געוואָרן — כ׳האָב מורא צו זאָגן — א טאָג־טעגלעכער סטאטיסטישער טערמין פון אונדזער ריידן, טראכטן און געזעלשאפטלעכן לעבן.

ערשט דאָ נישט לאנג צוריק האָבן זיך אָפּגעזוכט קאָנקרעטע שפורן פון א גרויסער עדה אומגעבראכטע ווילנער יידן, און מיר האָבן זיך דערוואוסט, וואו און ווי אזוי זיי זיינען „געגאנגען זייער לעצטן וועג״.

ביים 19-טן ווילנער יזכור-אָוונט אין ניו-יאָרק האָט דער באַקאַנטער פאָרשער פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע, מרדכי בערנשטיין, איבערגעגעבן א דראַמאַטישן באַריכט, ווי אַזוי ער האָט זיך צופעליק אַנגעשטויסן אין דרום-מערב-דייטשלאַנד אויף אן אומבאַקאַנטן בית-עולם, לעבן שעמבערג, מיט 1,755 קברים, וואו אונטער אַנאָנימע צלמים געפינען זיך די רעשטלעך פון פראַפּיניקטע נאַצי-קרבנות פון א דערבייאיקן געוועזענעם שקלאַפן-אַרבעטס-לאַגער. צווישן אָט דער צאָל קרבנות זיינען 780 געווען יידן, כמעט אַלע — מיט גאָר קליינע אויסנאַמען — פון מזרח-איירָאָפּע; און פון זיי, 347 יידן פון ווילנע און א 50 — פון שטעטלעך אין ווילנער געגנט, ד"ה, א העלפט יידן אונטער די צלמים זיינען אונדזערע ווילנער קדושים.

מיט א ציטער אין האַרצן האָט דער עולם אין זאַל אויסגעהערט די רעדע פון מ. בערנשטיין, וואָס האָט דערציילט וועגן זיין באַזוך אויפן שעמבערג-בית-עולם און ווי אַזוי ער האָט באַקומען די גענויע רשימות פון די אומגעקומענע אין לאַגער. די רשימות דעקן דעם פּעריאָד פון אָנהייב אָקטאָבער 1944, ווען מען האָט קיין שעמבערג געבראַכט א גרויסן טראַנספּאָרט יידן פון די מזרח'דיקע קאָנצענ-טראַציע-לאַגערן — און צווישן זיי הונדערטער ווילנער יידן, — ביז אַפּריל 1945, קורץ פאַר היטלערס מפּלה.

מיט א האַרצלאָזער פּינקטלעכקייט האָבן די נאַצי-רוצחים געפירט די מאַקאַברישע „בוכהאַלטעריע" פונעם לאַגער: ביי יעדן נאָמען פון די אומגעקומענע ווערט אָנגעגעבן די געבורטס-דאַטע, די נאַציאָ-נאַליטעט, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט און די גענויע דאַטע, ווען דער קרבן איז אומגעקומען.

די אויסטערלישע געשיכטע פונעם שעמבערג-בית-עולם איז אייגנטלעך נישט געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט. ענדע יאַנואַר און אָנהייב פעברואַר, 1962, זיינען אין „פאָרווערטס" אָפּגעדרוקט געוואָרן א צאָל אַרטיקלען פון י. שמולעוויטש, צוזאַמען מיט דער גאַנצער רשימה פון די 780 יידישע קרבנות, אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן, וואָס מ. בערנשטיין האָט אים איבערגעגעבן. אָבער, ווייזט אויס, אין דער ברייטער עפנטלעכקייט איז עס נישט אַריינ-געדרונגען. וואָרום דער גרויסער עולם ביים ווילנער יזכור-אָוונט

האָט אויף דער ידיעה רעאַגירט ווי אויף א ווייטאָגדיקער אנטפּלעקונג. דער געדאַנק וועגן יידישע ביינער, וואָס רוען אונטער צלמים אויף אן אומבאַקאַנטן, אָדער פאַרגעסענעם בית-עולם, האָט אויפגערודערט די געמיטער פון די אָנוועזענדע. פון אלע זייטן האָט מען געהאַלטן אין פרעגן: סטייטש, פאַרוואָס האָט מען געשוויגן? פאַרוואָס טוט מען גאָרנישט?

ס'איז שווער אין דעם מאָמענט צו געבן אן ענטפער. איין זאַך איז קלאָר: אויסגראָבן און אויסטיילן די יידישע ביינער פון דעם בית-עולם אין שעמבערג און זיי ברענגען צו קבר-ישראל איז אוממעגלעך. אָבער עס קאָנען זיין אנדערע פּלענער, ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען פון פאַרגעסנקייט דעם זכר פון די 780 דאָרט באַגראָבענע יידן, וואָס יידישע אָרגאַניזאַציעס אין א קאָנצערטרירטע אקציע זאָלן זיין ביכולת דורכצופירן. מען קאָן, למשל, אין שעמבערג שטעלן א קאָלעקטיוון יידישן דענקמאָל נאָך די יידישע קרבנות; און ביי דער דאָזיקער מצבה זאָלן אין אונדזערע טרויער-טעג אָפּגעריכט ווערן הזכרות.

פאַר אונדז, ווילנער, האָט דער שעמבערג-בית-עולם א ספּעציעלע באַדייטונג. נאָך פאָנאַר, דעם ריזיקן מאַסן-קבר פון ווילנער יידנטום, וואָס איז אין אונדזער נייער מאַרטיראָלאָגיע-געשיכטע געוואָרן שוין דער סימבאָל פון ווילנער אומקום, איז שעמבערג — דוכט זיך — דער איינציקער אָרט, וואָס מיר ווייסן אז אין דעם באַשטימטן שטיקל באָדן, אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד, ליגן די ביינער פון 400 אידענטיפיצירטע ווילנער יידן. און צוליב דעם אליין דאַרף דער דאָזיקער פּונקט אויף דער דייטשער מאַפּע ווערן פאַר אונדז טייער, וואו מיר זאָלן טאָרן קומען אויף קבר-אבות.

דער באַרימטער בעלגישער דראַמאַטורג, מאָריס מעטערלינק, האָט אין זיין פּיעסע „דער בלויער פייגל" אַרויסגעבראַכט א טיפן סימבאָלישן געדאַנק. אין דער סצענע, וואָס קומט פאָר אין „לאַנד פון דעראינערונגען", זאָגט די (פאַרשטאָרבענע) באָבע צו אירע אייניקלעך: „יעדער מאָל וואָס איר טראַכט וועגן אונדז, כאַפּן מיר זיך אויף פון שלאָף, און מיר זעען אייך ווידער". די ווערטער קלינגען אפשר א ביסל אידיליש און האָבן א זינען אין די אַזוי-גערופענע „נאָרמאַלע צייטן". און דאָך ווילט זיך אפילו היינט זוכן אין דעם

סימבאָלישן געדאנק א שטיקל טרייסט, ווען מיר ריכטן אָפּ הזכרות און יאָרצייטן נאָך אונדזערע פרלאָרענע.

מיר ווידמען דעם היינטיקן נומער פון אונדזער בולעטין דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע ווילנער אין שעמבערג-לאגער. מיר פאַרעפנטלעכן אויף די וויטערדיקע זייטן אן ארטיקל פון מ. בערנ-שטיין וועגן שעמבערג, און די פולע רשימה פון די דאָרט באערדיקטע יידן פון ווילנע און ווילנער שטעטלעך. מיר ווילן, אז דאָס קאפיטל שעמבערג זאָל דערגיין צו אלע אונדזערע בני-עיר, וואָס זיינען צעזייט אויף דער גאָרער וועלט. א סך וועלן דאָרט זיכער געפינען קרובים, נאָענטע פריינד און באקאנטע. זאָל יעדער איינער לייענען די נעמען פון די אומגעקומענע און דורך דעם מזכיר זיין זייערע נשמות. זאָל דער דאָזיקער נומער זיין א סימבאָלישע מצבה נאָך די, וואָס האָבן פארענדיקט זייער וועג אין שעמבערג!

מרדכי וו. בערנשטיין

דערביינער־טאָל פון גהינום שעמבערג

געווען איז עס אין סוף יאָר 1950 — אָנהייב 1951. אין שליחות פון דער אָרגאניזאציע, וואָס האָט געדארפט אויפזוכן און פעסט-שטעלן, וואו עס זיינען נאָך אליץ פאראן פארשטעקטע קולטור-אָביעקטן און קונסט-אוצרות, וואָס די נאציס האָבן צוגערויבט ביי די יידן, האָב איך דורכגעשניטן מערב-דייטשלאנד אין דער לענג און אין דער ברייט. א געוויסן טאָג דערוויס איך זיך וועגן אן אויסטער-לישער געשיכטע פון א קאצעט-בית-עולם אין לאנד ווירטעמבערג (א טייל פון דרום-דייטשלאנד), וואו עס זיינען באערדיקט הונדערטער יידן, אויף וועמענס קברים עס שטייען צלמים.

די פרטים פון דעם לאגער, אויך געוויסע איינצלהייטן פון דעם דאָזיקן גהינום, האָבן מיר דערציילט ווילנער יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין א געוועזענעם יידישן מושב-זקנים, אין שטעטל גיילינגען, ביי דער דייטש-שווייצארישער גרעניץ. טייל פון די דאָזיקע ווילנער זיינען טאקע געווען אינעם דערמאָנטן לאגער.

הגם דער דאָזיקער ענין איז געווען א „זייטיקער" און איז ניט אריין אין מיינע דירעקטע אויפגאַבעס, האָב איך באַשלאָסן אויפ־צוזוכן אָט דעם אויסטערלישן בית־עולם. אין א געוויסן ווינטער־טאָג בין איך אָנגעקומען אין שעמבערג.

איז דאָ נישט דער פּלאַץ פאַר די פּרטים אויפצוקלערן, ווי אזוי איך האָב ביים בירגערמייסטער פון דער שטאָט באַקומען די אָריגינעלע רשימות פון די 1,755 קרבנות פון דעם דאָרטיקן לאגער, וואָס איז געווען א טייל פון דער לאגער־נעץ פון נאַצווייילער, צו וועלכער עס האָבן געהערט א פּאָר צענדליק גהינומס, פּשוט גערעדט, שקלאַפן־לאגערן, וואו מענשלעכע לעבנס זיינען צעמאָלן געוואָרן. דאָ, אין שעמבערג, האָבן די קאַצעטלערס געדאַרפט אַרבעטן אויף טאָרף־פעלדער און אין שטיין־האַקערייען אַרויסצובאַקומען מינעראַלן פאַר דער פּראָדוקציע פון סינטעטישן אויל.

איך וועל אויך דורכלאָזן די שילדערונג פון דעם גהינום, די אומבאַשרייבלעכע ליידן און די מיתות־משונות מיט וועלכע די דאָרטיקע קאַצעטלער זיינען אומגעקומען. איך האָב מיך געלאָזט אויפזוכן דעם בית־עולם.

מען האָט מיר אָנגעוויזן די ריכטונג, און איך בין אַהין אוועק. א פּאָר קילאָמעטער הינטערן שטאָט האָב איך פון דער ווייטנס באַמערקט א ריזיקן צלם — די שוואַרצקייט פון קאָלאָסאַלן קרוצי־פיקס האָט זיך באַזונדער בולט אָפּגעשלאָגן קעגן דער ווייסקייט פון שניי, וואָס איז דאַן געלעגן אויף דער ערד.

בין איך אויפן בית־עולם — א ריזיקער צלם און אונטן אויפן פּיעדעסטאַל לייען איך איבער די פראַנצייזישע אויפשריפט:

(צום אָנדענק	A LA MEMOIRE
פון 1755 קרבנות	DE 1755 VICTIMES
פון נאַצישן באַרבאַריזם	DE LA BARBARIE NAZIE
וואָס רוען אויף דעם אָרט)	QUI REPOSENT EN CE LIEU

אונטערגעשריבן די פראַנצייזישע קאָמענדאַטור.

און הינטער דעם צלם, וואָס זעט אויס ווי עפּעס אַן אָנפירער פון א מיליטער־אָפּטיילונג, ציען זיך אומענדלעכע שורות — א וואַלד

מיט צלמים. זיי זיינען אויסגעשטעלט ווי זעלנער, אין גלייכע רייען און אויסמושטרירטע קאלאָנעס. אויף יעדן צלם א נומער, פון נומער 1 ביז נומער 1,755... אזויפיל, וויפל קרבנות עס זיינען דאָ פארפייניקט געוואָרן.

דאָ אונטער די בערגלעך מיט די צלמים ליגן „טעאָרעטיש" די 1,755 פארפייניקטע קאצעטלער. איך האָב געזאָגט „טעאָרעטיש", ווייל פאקטיש ווייס מען ניט ווער וואו עס ליגט.

דערוויס איך זיך די געשיכטע פון דאָזיקן בית-עולם, וואָס האָט זיין פאָרגעשיכטע. אין דאָזיקן לאגער האָט מען געבראַכט נאָר מענער — אויסגעקליבן האָט מען אהער מענער, וועמען מען האָט נאָך געקאָנט אויסנוצן פאר שקלאפן-ארבעט. אָבער זיי פלעגן פאלן ווי פליגן פון דער איבערמענטשלעכער ארבעט. פלעגט מען די קערפּערס ארויסטראָגן אויף א פעלד הינטערן שטאָט און פשוט אוועקווארפן. פארדעקן מיט א ביסל זאמד, אָדער דאָס אויך נישט. איז אויסגעוואקסן א ריזיקער בארג מיט ביינער...

ווען די פראנצייזישע ארמיי האָט פארנומען דאָס שטעטל, האָבן זיי געפונען דעם דאָזיקן בארג ביינער. דערוויסנדיק זיך וואָס דאָס איז האָבן זיי באפוילן, אז די אָרטיקע עס-עס-לייט, און טאקע די פריערדיקע לאגער-וואכלייט, זאָלן באערדיקן די דאָזיקע רעשטלעך. אזוי ווי מען האָט געפונען די רשימה פון די 1,755 קרבנות, האָט די פראנצייזישע מיליטער ארויסגעגעבן א באפעל, אז מען זאָל מאכן 1,755 קברים און אין יעדן קבר ארייגלייגן א סימבאָל פון קרבן — א ביין, א סקעלעט, א שארבן פון א פארפייניקטן. אויף די דאָזיקע קברים האָבן זיי געהייסן אוועקשטעלן צלמים און ווידער סימבאָליש אויף יעדן צלם א נומער. און בראש פון די אלע צלמים, דעם גרויסן צלם מיט דער דערמאָנטער אויפשריפט. אלה תולדות פון שעמבערגער צלמים-בית-עולם.

האָב איך גענומען די רשימה און צעגלידערט די נעמען. איך האָב געקענט פעסטשטעלן, אז ביז 1,000 נעמען זיינען דאָרטן זיכער יידן און פריער פאר אלץ יידן פון ווילנע און ארומיקע שטעטלעך.

איך האָב דאָרטן געפונען נעמען פון באקאנטע, מיט וועמען מיר האָבן אין פארשיידענע צייטן זיך געטראָפן; און מיט אנדערע האָט

אונדז פאַרבונדן סיי פריינדשאַפט, סיי געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אָט איז אַ קליינער אויסוואַל פון די דאָזיקע:

ברוך לובאָצקי — דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע אין ווילנע; צמח פעלדשטיין — פירער פון דער „תרבות"-באַוועגונג אין קאָוונע, שפּעטער אין ווילנע; דוד קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי — פירער פון דער פאָלקס-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין ווילנע; יעקב טרומפּיאַנסקי — באַקאַנטער לערער, קאָמפּאָזיטאָר פון לידער פאַר קינדער, געוועזענער מיטאַרבעטער אין דער באַרימטער מעדעם-סאַנאַטאָריע אין מיעדזשעשין; זיין ברודער פייוול טרומפּיאַנסקי — איינער פון די אַקטיווע טוערס ביי די פּריוואַטלעכע סאָציאַליסטן; הרב אברהם נאַבאַרשטשיק — וועגן וועלכן עס ווערן דערציילט ממש וואונדער-געשיכטעס: אין ווילנער געטאָ און אפילו אין לאַגער שעמבערג האָט ער נאָך געפירט אַ „חברה משניות"; יוסף לייקין — לערער אין די יידישע שולן פון ווילנער צ.ב.ק.; אברהם טאַראַ-קינסקי — יונגער טוער פון „בונד" אין ווילנע, די לעצטע יאָרן געווען אַקטיוו אין וואַרשע אין פּריזיר-פּאַריין.

ליגן דאָרטן אַ גרויסע גרופּע פון באַקאַנטע יידישע דאָקטוירים. ליגן דאָרטן גלידער פון די יחוס'דיקע יידישע משפחות פון ירושלים דליטא; פון די כוואָלעסעס, פּופּקאָס, קאָוואַרסקיס, קלאַטשקאָס, קינקולקינס, סטאָלפּערס, שולקינס אאַ"וו.

איך האָב אָנגעציילט 91 שטעט און שטעטלעך פון וואַנען די יידישע קבֿבות זיינען געקומען. אויפן ערשטן אָרט גייט טאַקע ווילנע מיט 337 נעמען; פון ווילנער געגנט זיינען דאָרטן פאַראַן קרבנות פון די ווייטערדיקע ערטער: ביעניקאָן, דרויע, איוויע, קרעווע, לידע, מיכאַלישאָק, ניעמענטשין, אָשמענע, פאָדבראָדז, סמאָרגאָן, סוויר, סווענציאַן, טראָק, וואָלאָזשין אאַ"א.

אומגעבראכטע ווילנער יידן אין לאגער פון שעמבערג

		געבאָרן	אומגעקומען
1.	לייב אראָנאָוויטש	1915	16.10.1944
2.	שמעון דיקער	1905	18.10.1944
3.	יצחק כוואָלעס	1899	26.10.1944
4.	עליאש רובין	1910	27.10.1944
5.	ישראל פריימאַן	1903	28.10.1944
6.	איסער יאַקאָבסאָן	1913	30.10.1944
7.	יואל דוואָרצאַן	1897	30.10.1944
8.	אהרן שענקמאַן	1914	29.10.1944
9.	חיים באַרטמאַן	1918	29.10.1944
10.	יעקב באַנדאַס	1898	31.10.1944
11.	משה ווישינסקי	1906	1.11.1944
12.	וואָלף סטאָלאָוו	1909	1.11.1944
13.	ראובן מינסקער	1902	1.11.1944
14.	חיים זיסקינד	1906	1.11.1944
15.	חנינא טשאַמערסקי	1900	2.11.1944
16.	ברוך וואַרשאַווטשיק	1904	3.11.1944
17.	מיכאל זיידעל	1895	4.11.1944
18.	אפרים קעסעלמאַן	1898	5.11.1944
19.	שלמה דראָגעץ	1904	7.11.1944
20.	שלמה דיטקאָווסקי	1921	7.11.1944
21.	משה ביטער	1907	8.11.1944
22.	אברהם אבראַמאָוויטש	1900	9.11.1944
23.	דוד סאַקאָוויטש	1906	10.11.1944
24.	בער טורגעל	1920	10.11.1944
25.	יוסף ריבעק	1900	12.11.1944
26.	אברהם שענקער	1898	12.11.1944
27.	ירחמיאל קאַץ	1905	12.11.1944

	געבאָרן	אומגעקומען
28. שלום אדעלסאָן	1915	13.11.1944
29. בערל קאַץ	1910	14.11.1944
30. ישעיה לעווין	1905	14.11.1944
31. טוביה זוסמאַנאָוויטש	1904	14.11.1944
32. בצלאל סטאָלער (?)	1915	14.11.1944
33. יעקב פּעסקער	1905	15.11.1944
34. אָוסעי שער	1921	15.11.1944
35. לייב מינסקער	1915	15.11.1944
36. גדליה געלמאַן	1898	16.11.1944
37. הערש מיליקאָווסקי	1900	17.11.1944
38. וואָלף שאַפּיראָ	1902	17.11.1944
39. חיים שקאָלניצקי	1905	17.11.1944
40. יוסף פּילאָווסקי	1914	17.11.1944
41. בער עפּשטיין	1901	18.11.1944
42. בער לעווינסאָן	1907	19.11.1944
43. מלך קאָפּעלמאַן	1905	20.11.1944
44. ברוך סווירסקי	1910	21.11.1944
45. ישראל באַבראָווסקי	1909	21.11.1944
46. יאָסל גאַרבאַצקי	1903	21.11.1944
47. יהודה באָלבערג	1898	22.11.1944
48. צדוק פּאָרודאָמינסקי	1904	22.11.1944
49. אברהם לעווין	1910	22.11.1944
50. לייב חפץ	1905	22.11.1944
51. ברוך לובאָצקי	1898	22.11.1944
52. אפרים רעכעס	1911	22.11.1944
53. משה קראָס	1907	24.11.1944
54. בער געלער	1907	24.11.1944
55. שלום ווײַלער	1906	24.11.1944
56. ירחמיאל זיידער	1904	24.11.1944
57. חיים באַנד	1908	25.11.1944
58. גדליה כאַיעטאָוויטש	1905	25.11.1944
59. מאיר כאַיעט	1912	26.11.1944

		געבאָרן	אומגעקומען
.60	אברהם נאבאָרשטשיק	1918	26.11.1944
.61	בעני דאלין	1907	26.11.1944
.62	לעאָן בענדאס	1914	26.11.1944
.63	יעקב טרופּיאנסקי	1909	27.11.1944
.64	אידעל קינקולקין	1906	27.11.1944
.65	בערל סאלוואָוויטש	1904	27.11.1944
.66	שלמה סטאראָדוואָרסקי	1914	27.11.1944
.67	דניאל רימשינעט	1905	27.11.1944
.68	יואל לעווין	1904	28.11.1944
.69	בצלאל רודניק	1908	28.11.1944
.70	בנימין זופּראנער	1899	28.11.1944
.71	אידעל באלאש	1895	28.11.1944
.72	דוד לעוו	1926	29.11.1944
.73	פייוול טרופּיאנסקי	1904	29.11.1944
.74	יוסף לייקין	1906	29.11.1944
.75	איסאק וואפּניק	1907	29.11.1944
.76	חיים גראָדזינסקי	1905	29.11.1944
.77	חיים גורוויטש	1910	29.11.1944
.78	מאקס קאָדעש	1903	30.11.1944
.79	לייב בערלין	1912	30.11.1944
.80	שמואל פּאָגאָזשעלסקי	1900	30.11.1944
.81	ישראל קראוועץ	1906	1.12.1944
.82	אברהם באדאנאָווסקי	1925	1.12.1944
.83	שעוועל פּאָרטנאָי	1905	1.12.1944
.84	שלמה גיטעל	1900	1.12.1944
.85	אידעל גאָלאָמסטאָק	1910	1.12.1944
.86	יאנקל קינקולקין	1908	2.12.1944
.87	נחום אס	1909	2.12.1944
.88	חיים קאפּלאן	1919	2.12.1944
.89	מאָטל קאָווארסקי	1915	2.12.1944
.90	וואָלף פּינסקי	1911	2.12.1944
.91	אדאם גאָרפּיין	1908	3.12.1944

	געבאָרן	אומגעקומען
92. שמעון סטערש	1907	3.12.1944
93. שמעון דורגעל	1913	4.12.1944
94. שלמה שלום	1915	4.12.1944
95. אשר לעווין	1915	4.12.1944
96. זאנוול קאָן	1900	4.12.1944
97. בנימין עלמער	1924	4.12.1944
98. שלמה גאָרדאָן	1925	4.12.1944
99. פרץ שפּיצבערג	1909	5.12.1944
100. לייזער מישיקער	1900	5.12.1944
101. שמואל דלוגאטש	1913	5.12.1944
102. מדכי ווילקאָמירסקי	1909	5.12.1944
103. איסאַק גאָפמאַן	1905	5.12.1944
104. משה אבראמאָוויטש	1905	5.12.1944
105. זיסמאַן קריגער	1900	5.12.1944
106. יוסף גאָלדשטערן	1906	6.12.1944
107. אברהם אראָן	1924	6.12.1944
108. שמואל מינסקער	1912	6.12.1944
109. ראובן זארעמבאָק	1925	6.12.1944
110. דוד מאשאנסקי	1907	6.12.1944
111. לייזער צעפּלעוויטש	1922	7.12.1944
112. ישראל באָראָוואק	1905	8.12.1944
113. נחום ראם	1923	8.12.1944
114. חיים צימבאל	1911	8.12.1944
115. אבא קאַץ	1925	8.12.1944
116. יוסף יערגאָד	1911	8.12.1944
117. לייב אבראמאָוויטש	1913	8.12.1944
118. חיים פייגעלסאָן	1914	8.12.1944
119. העניך לעווין	1912	8.12.1944
120. בערל רייוועגטש	1900	8.12.1944
121. שמעון זאכאראַן	1902	9.12.1944
122. הערש לעווין	1924	9.12.1944
123. מיכאל לעווין	1920	10.12.1944

		אומגעקומען	געבאָרן
.124	הערש געכמאַן	10.12.1944	1907
.125	אברהם טאראקינסקי	10.12.1944	1909
.126	נתן שוקאסטולסקי	10.12.1944	1905
.127	אליהו שניידמאַן	10.12.1944	1910
.128	מאָטל שאכמאַן	10.12.1944	1924
.129	ישראל נייפעלד	11.12.1944	1909
.130	הערש שניידמאַן	11.12.1944	1905
.131	לייזער געסענדא (?)	11.12.1944	1904
.132	יצחק זאס	11.12.1944	1904
.133	יוסף מאלנאר	11.12.1944	1927
.134	פסח קארט	12.12.1944	1926
.135	שלמה לאסאווסקי	12.12.1944	1918
.136	שאול געצקעס	12.12.1944	1908
.137	מאטעס פּאָלארסקי	12.12.1944	1907
.138	חיים גרינער	12.12.1944	1906
.139	מישקא יאר (?)	12.12.1944	1891
.140	פייוול לעווין	13.12.1944	1917
.141	חיים טייקין	13.12.1944	1906
.142	אברהם ברעזין	13.12.1944	1908
.143	מענדל האָפשטיין	13.12.1944	1905
.144	לייזער גורוויטש	14.12.1944	1921
.145	שלום רודאָמין	14.12.1944	1910
.146	לייב זאלקין	15.12.1944	1912
.147	לייב דאדאנעס	15.12.1944	1896
.148	דוד יאדלאָווקער	15.12.1944	1901
.149	שמערל גורוויטש	15.12.1944	1909
.150	דוד עליזעראָוויטש	15.12.1944	1909
.151	אברהם קראָפּיוועק	15.12.1944	1907
.152	וויקטאָר דאנישעווסקי	15.12.1944	1903
.153	רובין דאנישעבסקי	16.12.1944	1908
.154	יוסף לעוויטש	16.12.1944	1923
.155	דוד קאפלאן-קאפלאנסקי	16.12.1944	1899

		געבאָרן	אומגעקומען
156.	גרשון קאגאן	1924	16.12.1944
157.	פסח שערעס	1922	16.12.1944
158.	אברהם געלער	1909	16.12.1944
159.	עמנואל טשעסלי	1912	17.12.1944
160.	שמואל וואָלפאָוו	1920	18.12.1944
161.	פנחס דאווישען	1920	18.12.1944
162.	אברהם כאסטמאן	1919	18.12.1944
163.	יהושע שערנאָצקי	1910	18.12.1944
164.	בנימין אבראמאָוויטש	1919	18.12.1944
165.	אברהם בלינדער	1904	18.12.1944
166.	שאול פליישער	1910	19.12.1944
167.	מלך שולמאן	1919	19.12.1944
168.	שלמה קאמען	1908	19.12.1944
169.	נח וויינער	1924	19.12.1944
170.	אברהם גאָנשאָר	1912	19.12.1944
171.	אליהו קאמען	1910	19.12.1944
172.	ראובן עלשטיין	1905	19.12.1944
173.	ארנאָלד דייכעס	1912	20.12.1944
174.	יעקב אראָנס	1909	20.12.1944
175.	שעפסל רענטאצינט	1908	21.12.1944
176.	משה זאלקינד	1908	21.12.1944
177.	משה דוואָרקאן	1921	21.12.1944
178.	יחזקאל רעזמאן	1906	21.12.1944
179.	ישראל דראָזיע	1907	21.12.1944
180.	צדוק גאָרדאָן	1916	21.12.1944
181.	שלמה אָרמאן	1898	21.12.1944
182.	איסאק מאיאעל	1912	22.12.1944
183.	דוד שמיד	1905	22.12.1944
184.	בער מעשעלניק	1909	22.12.1944
185.	אבא בערגער	1913	22.12.1944
186.	אידעל קושניר	1909	23.12.1944
187.	משה פארבער	1906	23.12.1944

		געבאָרן	אומגעקומען
.188	אלכסנדר שלאָסבערג	1926	23.12.1944
.189	יודעל מיראָם	1907	23.12.1944
.190	רובין סאַראָקין	1919	23.12.1944
.191	פייוול דאָן	1914	23.12.1944
.192	איזאק דאנישעווסקי	1926	23.12.1944
.193	דוד בערגער	1905	23.12.1944
.194	לייבוש גערצלער	1895	23.12.1944
.195	(?) סעגאלאָוויטש	1907	24.12.1944
.196	סענדער שניידער	1916	24.12.1944
.197	גרשון קרייצער	1915	24.12.1944
.198	משה זאקס	1905	24.12.1944
.199	משה נאמענטשינסקי	1925	24.12.1944
.200	יוסף לעווינסאָן	1908	25.12.1944
.201	לייזער שולמאן	1908	2612.1944
.202	איסאק דוואָראָזאן	1905	26.12.1944
.203	אברהם באָראָווסקי	1906	26.12.1944
.204	דוד וויגושין	1921	26.12.1944
.205	רובין בערקאָוויטש	1903	26.12.1944
.206	ישעיה גושאנאקי	1910	26.12.1944
.207	אידעל גאָל	1905	27.12.1944
.208	שמעון זאמאָשטשיק	1910	28.12.1944
.209	נחום סלוצקי	1914	28.12.1944
.210	נתן שימעלאָוויטש	1917	28.12.1944
.211	שמעון בלינדער	1899	28.12.1944
.212	אלעקס פערצאָווסקי	1905	28.12.1944
.213	שמואל קאָפּעלאָוויטש	1903	28.12.1944
.214	וואָלף סטאָלפּער	1906	28.12.1944
.215	לייבוש ווייסמאן	1906	28.12.1944
.216	אלכסנדר גראָדזשענסקי	1915	29.12.1944
.217	וואָלף נאגער	1906	29.12.1944
.218	נחום קאָפּעלאָוויטש	1905	29.12.1944
.219	הערש ראבינאָוויטש	1926	29.12.1944

	געבאָרן	אומגעקומען
.220 ליפע גורוויטש	1907	28.12.1944
.221 צמח פעלדשטיין	1896	29.12.1944
.222 אבא אבראמאָוויטש	1925	29.12.1944
.223 יעקב אראָן (?)	1907	29.12.1944
.224 עמנואל נאָטיק	1901	29.12.1944
.225 לייזער טרובאָווטשיסט	1926	29.12.1944
.226 אברהם גאמארסקי	1919	29.12.1944
.227 אברהם קראמער	1906	29.12.1944
.228 מרדכי זאימאנאָוויטש	1908	29.12.1944
.229 חיים פאָרטנאָי	1926	29.12.1944
.230 יוסף מילער	1905	29.12.1944
.221 משה בליץ	1918	29.12.1944
.232 לוי סטאָליצקי	1910	29.12.1944
.233 ישראל גורעוויטש	1912	29.12.1944
.234 אברהם גאָרדאָן	1904	29.12.1944
.235 נחום רינג	1907	29.12.1944
.236 שלום וויינער	1902	30.12.1944
.237 יעקב מושקאָ	1910	30.12.1944
.238 אברהם קאגאן	1913	30.12.1944
.239 אשר אבראמאָוויטש	1926	30.12.1944
.240 ליפע מינדעל	1908	30.12.1944
.241 איסאק טשעסקי	1908	30.12.1944
.242 יעקב גורוויטש	1906	31.12.1944
.243 בצלאל פאצאָווסקי	1924	1.1.1945
.244 יוסף לאפידוס	1916	2.1.1945
.245 מאיר געלבארד	1923	2.1.1945
.246 משה רובין	1911	2.1.1945
.247 איסאק מארין	1906	2.1.1945
.248 וואָלף גרינבלאט	1922	2.1.1945
.249 בנימין קאָוונער	1923	2.1.1945
.250 זלמן נאָכימאָווסקי	1906	2.1.1945
.251 רפאל אבראמאָוויטש	1911	2.1.1945

		געבאָרן	אומגעקומען
.252	עזריאל שמש	1921	3.1.1945
.253	העשל באלאָן	1904	4.1.1945
.254	דוד קינקולקין	1904	4.1.1945
.255	ראובן ראָדאשעווסקי	1914	4.1.1945
.256	לייב רייס	1918	4.1.1945
.257	משה געלפער	1923	4.1.1945
.258	מענדל מילכיקער	1926	5.1.1945
.259	אידעל זעגער	1905	5.1.1945
.260	באָריס פעוונער	1906	5.1.1945
.261	אליהו סוזאן	1922	6.1.1945
.262	שלמה היינבערג (?)	1911	6.1.1945
.263	אידעל געפען	1913	6.1.1945
.264	לעאָן סאָקאָליסקי	1913	6.1.1945
.265	קלמן קלאטשקאָ	1910	6.1.1945
.266	בנימין קלאטשקאָ	1920	6.1.1945
.267	שלום קאפלאן	1920	7.1.1945
.268	חיים פופקאָ	1920	7.1.1945
.269	שמשון ברעזלין	1906	8.1.1945
.270	חיים לאסקאָוו	1926	8.1.1945
.271	פּאָל שוסטער	1906	8.1.1945
.272	ראובן שאפּיראָ	1906	8.1.1945
.273	אברהם שלאָם	1923	8.1.1945
.274	ברוך קאבאטשניק	1923	10.1.1945
.275	זעליג קאבאטשניק	1913	10.1.1945
.276	נחמן בלומענטשל	1911	10.1.1945
.277	לייב קאן	1924	10.1.1945
.278	מאקס קאָוואלסקי	1908	10.1.1945
.279	גדליה בושעל	1907	10.1.1945
.280	אפרים לאנצמאן	1920	10.1.1945
.281	הערש בייגעל	1925	10.1.1945
.282	שלמה שארעפּעי	1904	10.1.1945
.283	קלמן אשאיעוו	1905	11.1.1945

		שטאמט פון	אומגעקומען
.284	גדליה אראַנאָוויטש	1927	10.1.1945
.285	אָושעי טווערדין	1921	11.1.1945
.286	פייוול צוקער	1923	12.1.1945
.287	וואָלף קוריאַן	1922	12.1.1945
.288	תנחום גאָרדאָן	1907	12.1.1945
.289	איסאַק נורקאָ	1921	13.1.1945
.290	יחיאל פערסקי	1912	14.1.1945
.291	לייב דיקער	1909	14.1.1945
.292	יוסף וויניסקי	1905	14.1.1945
.293	גרשון לעווין	1896	14.1.1945
.294	פייוול פאָל	1914	15.1.1945
.295	משה ניסאַנעלעוויטש	1925	16.1.1945
.296	איסאַק שאַרדאָנסקי	1922	16.1.1945
.297	חיים דיק	1910	16.1.1945
.298	מאיר פעדערמאַן	1905	16.1.1945
.299	יוסף קאָוואַרסקי	1901	17.1.1945
.300	לייב שיף	1903	18.1.1945
.301	הענאָך פּראָסט	1921	18.1.1945
.302	אליהו פּופּקאָ	1922	18.1.1945
.303	בנימין ווייצמאַן	1925	19.1.1945
.304	ברוך גורוויץ	1926	19.1.1945
.305	משה אראַנאָוויטש	1906	19.1.1945
.306	בצלאל פרידמאַן	1901	22.1.1945
.307	משה היינבערג	1906	22.1.1945
.308	יעקב שולקין	1916	22.1.1945
.309	פּסח בערנשטיין	1901	24.1.1945
.310	לייב שלום	1908	24.1.1945
.311	שעפּסל לוקאַשעק	1905	25.1.1945
.312	שמשון דאַנישעווסקי	1923	25.1.1945
.313	ישראל מעדאַיסקי	1910	27.1.1945
.314	דוד גורוויץ	1909	28.1.1945
.315	אברהם בערקאָן	1899	29.1.1945

		געבאָרן	אומגעקומען
.316	איסאַק דוואָרסקי	1912	30.1.1945
.317	מאַרק פּערעוואָסקי	1926	31.1.1945
.318	הערש זילבער	1906	31.1.1945
.319	אהרן מיל	1908	2.2.1945
.320	מיכאל ווייסבערג	1924	2.2.1945
.321	איסאַק לעווין	1926	2.2.1945
.322	יעקב בערגער	1916	3.2.1945
.323	שמואל לייבמאַן	1913	3.2.1945
.324	נתן ליסטאָווסקי	1924	3.2.1945
.325	ישראל לאָוויץ	1908	4.2.1945
.326	לאַזאַר קאַנטאַראָוויטש	1915	6.2.1945
.327	לייב חדש	1910	6.2.1945
.328	איסאַק ברייניִן	1919	6.2.1945
.329	איסאַק בראַודע	1911	7.2.1945
.330	מאַרעק האָפמאַן	1926	8.2.1945
.331	סיאָמאַ סאַקאָוויטש	1918	9.2.1945
.332	אידעל פייגעלסאָן	1917	22.2.1945
.333	דוד סעגאַלאָוויטש	1922	3.3.1945
.334	הערש קיאָוויטש	1908	8.3.1945
.335	ניסן דוואָרקין	1922	6.4.1945
.336	שמואל ביעלאָוס	1924	6.4.1945
.337	מאַרקוס ברייטבאַרד	1906	7.4.1945

יידן פון ווילנער געגנט, וואָס זיינען אומגעקומען אין שעמבערג

		געבאָרן	שטאמט פון	אומגעקומען
.1	חיים שיינער	1900	דרויע	4.10.1944
.2	שלמה עלקינד	1902	לידע	3.11.1944
.3	יוסף סווירסקי	1908	אָשמענע	7.11.1944
.4	בנימין פּאָטשטער	1902	ביניאקאָן	7.11.1944
.5	נתן יאניסקי	1912	פּאָדבראָדז	12.11.1944
.6	יקותיאל כאָדאָש	1905	מיכאלישאָק	17.11.1944
.7	אידעל גאָלדמאן	1897	לידע	25.11.1944
.8	הענאך מירסקי	1921	פּאָדבראָז	26.11.1944
.9	איסאק אבראמאָוויטש	1923	אָלשאן	27.11.1944
.10	שלמה רעזניק	1904	סוויר	28.11.1944
.11	חנא בערגער	1907	אָשמענע	1.12.1944
.12	מאטעס קאָזלאָווסקי	1913	אָלשאן	6.12.1944
.13	לייב שיינער	1925	דרויע	8.12.1944
.14	משה נוכימזאָן	1904	מיכאלישאָק	8.12.1944
.15	דוד טאבאָריסקי	1910	סוויר	8.12.1944
.16	שמואל קוריצקי	1900	מיכאלישאָק	9.12.1944
.17	זישע טאבאָריסקי	1905	סוויר	11.12.1944
.18	פסח רודניצקי	1905	סוויענציאן	11.12.1944
.19	שלמה גרופּ	1902	אָשמענע	12.12.1944
.20	אהרן פּערעוואָסקין	1909	ניעמענטשין	13.12.1944
.21	יוסף ראוך	1906	רודניק	16.12.1944
.22	לאָליא זלאָטאָיאבקאָ	1906	סוויר	16.12.1944
.23	יאָסל בערמאן	1905	וואָלאָזשין	18.12.1944
.24	מרדכי לעסקעס	1926	אָשמענע	19.12.1944
.25	שבח (שעוואך) גומיץ	1905	איוויע	20.12.1944

		געבאָרן	שטאמט פון	אומגעקומען
26.	לייזער ליסקאָוויטש	1903	סמאָרגאָן	20.12.1944
27.	ישעיה לאסקאָוו	1904	סמאָרגאָן	22.12.1944
28.	יאנקל ליפשיץ	1911	טראָק	24.12.1944
29.	מאקס קראַוועטשינסקי	1907	פּאָדבראָדז	24.12.1944
30.	אהרן לייבמאַן	1910	אָלשאַן	25.12.1944
31.	זלמן אלפּעראָוויטש	1923	סמאָרגאָן	28.12.1944
32.	מיכאל פישער	1904	סוויר	28.12.1944
33.	יוסף וואָלף	1906	סוויר	29.12.1944
34.	ראובן גרייס	1904	סמאָרגאָן	29.12.1944
35.	כעוויע (?) אָשיוואָווסקי	1909	סמאָרגאָן	29.12.1944
36.	נתן מירסקי	1906	פּאָדבראָדז	29.12.1944
37.	שמחה כאָדאָסאק	1912	סמאָרגאָן	30.12.1944
38.	הערש זיסקינד	1925	אָשמענע	30.12.1944
39.	דוד רודניק	1917	קרעווע	2.1.1945
40.	מאיר בונימאָוויטש	1913	אָשמענע	8.1.1945
41.	שמעון קוריצקי	1926	מיכאלישאָק	12.1.1945
42.	איסאק בענוועמאנע (?)	1924	מיכאלישאָק	17.1.1945
43.	פייוול אנצעלעוויטש	1926	סמאָרגאָן	26.1.1945
44.	לאזאר ניעמענטשינסקי	1910	ניעמענטשין	30.1.1945
45.	אברהם קאַץ	1905	סמאָרגאָן	5.2.1945
46.	חיים רודין	1910	ניעמענטשין	28.3.1945
47.	אהרן רודניצקי	1915	מיכאלישאָק	31.3.1945
48.	גרשון אבראַמאָוויטש	1921	אָלשאַן	5.4.1945

מיר האָבן פאַרעפנטלעכט די ווילנער רשימה פון שעמבערג בית-עולם נישט בלויז צוליב דערפילן אַן אינערלעכן חוב פון עמאָציאָנעלן כאַראַקטער. די ליסטע איז א וויכטיקער בייטראָג צו דער דאָקומענ-טאַציע פון חורבן-ווילנע. דאָ איז נישט דער אָרט צו אנאַליזירן די סטאַטיסטישע דאַטן, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן. דאָס וועט זיין די אויפגאַבע פון די צוקונפטיקע היסטאָריקערס ארויסצוברענגען פון די ציפער א סאַך מער וועגן דער אויסראָטונג, ווי בלויז די צאָל קרבנות.

אָבער איין טרויעריקער פאַקט האָט זיך שוין געוואָרפן אין די אויגן ביים אָפּקלייבן די ווילנער נעמען פון דער גאַנצער רשימה יידישע קרבנות. פון די 7 חדשים, וואָס די רשימה נעמט ארום, זיינען די שקלאַפן-אַרבעטערס, אויסגעשעפּט שוין פון פריער אין די געטאָס און אַנדערע לאַגערן, מאַסנווייז געפאַלן אין די דריי ווינטער-חדשים — נאָוועמבער, דעצעמבער און יאַנואַר, צוזאַמען 351 פון דער כוללדיקער צאָל 385 טויטע, אָדער ארום 91.2%. אין דעצעמבער אליין זיינען אומגעקומען א העלפט פון אַלע קרבנות.

די פאַרטיילונג פון די טויטפאַלן לויט חדשים איז אזא:

אָקטאָבער	11
נאָוועמבער	79
דעצעמבער	190
יאַנואַר	82
פעברואַר	15
מערץ	4
אַפּריל	4
צוזאַמען	385

ISBN:0-657-02172-5
Old Call No.,97-533 v.